# שיחות ודברות קודש לפרשת נשא משנת תשע"ג לפ"ק

## במסיבת חומש סעודה לילדי התלמוד תורה בארא פארק

יום א' פרשת נשא תשע"ג לפ"ק

**עס** איז ביי מיר א שמחה אנטיילצונעמען ביי די חומש סעודה פון די תלמוד תורה. די עלטערן און די זיידעס זענען זיך צוזאמגעקומען אנטייל צו נעמען ביי די שמחה פון די קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך. דער אייבערשטער זאל געבן, אז זיי זאלן זען אסאך יודיש נחת, און זיי זאלן מגדל זיין די קינדער, לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבה.

**די** תורה הק' זאגט, איש על דגלו באותות לבית אבותם, יחנו בני ישראל, מנגד סביב לאהל מועד יחנו (ב-ב). מען האט אויפגעשטעלט די דגלים אין מדבר, אז יעדער איינער זאל זיין ביי זיין דגל, ביי זיין פאַן. באותות לבית אבותם יחנו בני ישראל, זיי זאלן רוען מיט די צייכנס פון די עלטערנ'ס שטובער. אין רש"י איז דא צוויי פשטים, אויף באותות לבית אבותם. איין פשט זאגט רש"י, אז באותות גייט ארויף אויף די דגל, אז יעדער דגל האט געהאט א אנדערן אות, א אנדערן קאליר, א צייכן, אז דאס איז דער דגל. א צווייטער פשט זאגט רש"י אויף באותות לבית אבותם, אז זיי זאלן זיין מיט די צייכנס וואס יעקב אבינו האט זיי אויסגעשטעלט, בשעת מען האט אים ארויפגעטראגן פון מצרים קיין ארץ כנען. וואס יעקב אבינו האט מצווה געווען די שבטים פארדעם, ווער עס זאל זיין אויף די רעכטע זייט, און ווער עס זאל זיין אויף די לינקע זייט. און אזוי אויך זאלן די יודען רוען שפעטער.

**אין** יעדע זאך ליגט א מוסר השכל וואס מען לערנט זיך אראפ דערפון. די מוסר השכל פון דעם וואס די יודען האבן גערוהט אינעם מדבר, אויף דעם זעלבע וועג וואס מען האט געטראגן יעקב אבינו, בשעת ער איז נסתלק געווארן. קומט אונז צו לערנען, אז שמע בני מוסר אביך, ואל תטוש תורת אמך. **א יוד דארף שטענדיג געדענקען פון וועלכע שטוב מען קומט, וואס פאר א עלטערן און זיידעס מען האט געהאט. חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי, און שטרעבן מחנך צו זיין די קינדער און די אייניקלעך, אויף די וועגן וואס מען איז אליין נתחנך געווארן, און אויף דעם וועג וואס אונזערע עלטערן זענען מחונך געווארן. און ממשיך זיין דעם שלשלת הזהב, די גאלדענע קייט, אויף ווייטער. ווען א מענטש געדענקט שטענדיג פון וואס פאר א שטוב ער קומט, וואס פאר א הייליגע אבות ער האט געהאט, וואס האבן געהאט מסירת נפש אויף יודישקייט. דאס ברענגט אים, אז ווען ער האט א נסיון, זאל ער זיך קענען האלטן, און ער זאל נישט אדורכפאלן.**

**מען** געפינט ביי דעם גרויסן צדיק יוסף, וואס האט געהאט א נסיון אין מצרים, און עס איז נראית לו דמות דיוקנו של אביו. יוסף איז געווען א צדיק אזוי אויך. אבער זיין צדקות אליין, האט אים נישט געקענט העלפען, ער זאל קענען עומד זיין בנסיון. נאר ווען ער האט זיך דערמאנט פון דעם דמות דיוקנו של אביו, ווי אזוי זיין טאטע יעקב האט אויסגעקוקט, ער האט זיך דערמאנט די קדושה פון יעקב אבינו, און אז איך גיי יעצט קאליע מאכן, אזא הייליגע שלשלת הזהב, וואס איך האב פון די עלטערן. דאס האט אים געגעבן דעם כח, ער זאל זיך קענען צוריקהאלטען, און נישט זינדיגען.

**און** דאס איז ביי יעדן איינעם אזוי, אויב א מענטש האט שטענדיג פאר זיך די צורה פון די עלטערן, די צורות פון די זיידעס, פון וואס פאר א שטוב ער שטאמט. דאס גיט אים די כח, צו ווערלן ממשיך זיין, און מחנך זיין די קינדער. אין די שווערע צייטן וואס מיר האבן היינט, זאל מען קענען מחנך זיין קינדער ריין און ערליך, אזוי ווי עס איז געווען ביי אונזערע אבות.

**ווען** די יודען זענען געווען אינעם מדבר, האט מען אויסגעשטעלט די צורה פון די דגלים, אז זיי

זאלן אויסקוקען אזוי ווי יעקב אבינו איז אינדערמיט. יעקב איז דאך געווען דער עמוד התורה, און אין דעם משכן אינדערמיט איז געווען די תורה. און די יודען, די שבטים, האבען געוואוינט ארום, אזוי ווי זיי זענען געשטאנען ביי יעקב אבינו. און ווען מען האט אנגעקוקט די פלאץ אין מדבר, ווי אזוי יודען רוען ארום די משכן, איז עס געווען אזוי ווי יעקב אבינו'ס מיטה אינדערמיט, און אלע קינדער נעמען אים ארום פון אלע זייטען. כדי זיי זאלן שטענדיג האבען א בילד פאר זיך, און זיי זאלן שטענדיג געדענקען, פון וואס פאר א שטוב מען קומט. און דאס גיט דעם כח, אז אפילו מען האט נסיונות, זאל מען קענען ממשיך זיין, און גיין אויף די וועגן פון די אבות.

**'איש** על דגלו באותות לבית אבותם', זיי זאלן האבן דעם זעלבען אות, דעם זעלבען סימן, פון זייערע עלטערן'ס שטובער. אזוי ווי יעקב אבינו האט אויסגעשטעלט פאר זיינע קינדער, ווי אזוי זיי זאלן זיין, אזוי יחנו בני ישראל, אזוי זאלן יודען רוען. און דאס וועט העלפען, 'מנגד', אפילו מען וועט זיין ווייט אפגערוקט פון יעקב אבינו, מען וועט האבען שווערע זמנים. 'סביב לאהל מועד יחנו', זאל מען נאך אלץ קענען רוען סביב לאהל מועד. אז מען געדענקט ווי אזוי די עלטערן האבן זיך געפירט, און מען וויל ממשיך זיין דעם וועג, גיט דער אייבערשטער די כוחות אז מען זאל קענען ווייטער ערציען ערליכע דורות.

**מען** האט פריער גערעדט פון דעם מסירת נפש פונעם פריערדיגן דור, אונזערע עלטערן און זיידעס, וואס זיי זענען אלס אדורכגעגאנגען מיט זיבעציג יאר צוריק, אין די טעג וואס מיר שטייען יעצט. עס איז נישט דא קיין איינער פון אונז, וואס האט נישט פארלוירן פון זיין משפחה אין די טעג. און עס איז געווען מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, וואס די יודען האבן געהאט, צו דינען דעם אייבערשטען. און זיי האבען מקבל געווען אלע שווועריקייטן, און זיך נישט געוואלט אפרייסן פונעם רבונו של עולם.

**עס** איז מיר אויסגעקומען מיט א פאר יאר צוריק (ערב ר"ח סיון תש"ע), צו זיין נאנט צו אושוויץ, בין איך צוגעפארן אהין. און אזוי ווי דער סדר איז, איז דא דארט א טו"ר, וואס טראגן ארום די מענטשען וואס זענען געקומען, און ווייזען אלעס ווי אזוי עס האט אויסגעזען. און עס איז געווען דארט א גוי וואס האט ארום געפירט דעם עולם, רוב פון די אלע וואס זענען דארט געווען, זענען געווען גוים, און אויך א פּאָר געציילטע יודען זענען דארט געווען. און מען האט געוויזען פונקטליך, ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען דארט, ליידער. **ווען מען איז צוגעקומען צו די גאז קאמערן, אויף דעם פלאץ ווי מען האט נעבעך אוועקגענומען די יודען, האט א גוי געפרעגט דעם וואס האט געפירט די טור. ווען די יודען זענען אנגעקומען אויף דעם פלאץ, האבן זיי שוין געוואוסט אז דאס איז זייער ענדע? האט ער געענטפערט, ווען מען איז אנגעקומען אהער, האט שוין יעדער געוואוסט וואס עס גייט פּאָר. האט דער גוי געפרעגט, און וואס האבן די יודען דעמאלטס געטון, ווי אזוי האבן זיי זיך אויפגעפירט? האט ער געענטפערט, קיינער האט נישט געשריגן, קיינער האט נישט פארפירט, נאר זיי האבן אדער געדאווענט, אדער האבן זיי געזינגען!!**

**איך** ווייס נישט ווי אזוי מען קען דאס זאגן, און מסביר זיין, אז יודען האבען געזינגען בשעת מען ווייסט וואס דאס איז. אבער אזוי האט דער גוי געזאגט. מן הסתם האט ער דאס שטודירט, און נישט געזאגט פון גרויס אהבת ישראל. נאר דאס איז טאקע געווען דער אמת. **מען האט געהאט מסירת נפש פאר יודישקייט, און מען האט געוואוסט, אז דאס איז דער תכלית פון א יוד. צו לעבן ווי א יוד, און צו שטארבען ווי א יוד. און אויף דעם האט מען געהאט מסירת נפש אלע יארן. און דאס איז אונזער עבודה, מיר זאלן ממשיך זיין דעם דרך פון אונזערע אבות, פאר אונזערע קינדער. מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע דורות, שלא נבוש ולא נכלם מאבותינו, מיר זאלן זיך נישט דארפן שעמען פון אונזערע עלטערן.**

**מען** האלט דאך יעצט נאך דעם כינוס פון 'הדר קבלוה', איך פארשטיי אז יעדער איינער פון דא,

האט זיך אוודאי משתתף געווען, און עס האט אויף יעדן געמאכט א רושם. אבער מען דארף דאס מיט נעמען אין שטוב אריין. קינדערלעך וואס זענען קדושים וטהורים, ריינע קינדער, וואס האבן יעצט אנגעהויבן צו לערנען די פרשה פון קרבנות, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, און מען דערקענט אויף די צורות אז זיי זענען ריין. וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען האבן, אז די קינדער זאלן בלייבן אזוי ריין.

**אבער** עס איז אסאך תלוי אין אונזערע שטובער. **אז מיר וועלן האבן ריינע שטובער, וועלן מיר האבן ריינע קינדער. אז די שטוב איז נישט ריין, קען נישט זיין, אז עס זאלן ערצויגן ווערן ריינע קינדער אין אזא שטוב. אז מיר ווילן זען נחת ביי אונזערע קינדער און אייניקלעך, מיר ווילן אז זיי זאלן ערצויגן ווערן על דרך ישראל סבא, פארלאנגט זיך פון אונז מסירת נפש, אז אונזערע שטובער זאלן זיין ריינע שטובער. און נישט קוקן אויף די שוועריקייטן וואס עס איז דא דערין, נישט קוקן אויף די אומבאקוועמליכקייט, וואס לויט די היינטיגע אומשטענדן, קען מען דאס רופן אומבאקוועמליך. נאר טון אלעס אין די וועלט, אז מיין שטוב זאל זיין א הייליגע שטוב. אזוי ווי עס איז געווען ביי מיין טאטע און זיידע און עלטער זיידע. אז מען וועט האבן ריינע שטובער, וועט מען האבן ריינע קינדער, און מען וועט קענען מחנך זיין ערליכע יודישע דורות.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן אז מען זאל זען אסאך יודיש נחת ביי די קינדער און אייניקלעך, און מען זאל זיי קענען ווייטער ערציען לתורה ולחופה ולמעשים טובים. דער אייבערשטער זאל געבן, אז די זיידעס און די עלטער זיידעס וואס געפונען זיך דא ביי די שמחה פון די חומש סעודה, זאלן קענען ווייטער אנטייל נעמען ביי די בר מצוה און די חתונה פון די קינדער. און מיר אלע זאלן זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

## בניחום אבלים אצל הר"ר אביש גרינבוים הי"ו שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה

יום א' פרשת נשא תשע"ג לפ"ק

**רבינו:** ווען איז איר פאטער (ר' יצחק אייזיק פערלמוטער ז"ל) נפטר געווארן.

**הר"ר אביש:** ער איז אוועק תשמ"ח. ער איז אוועק דא, און ער ליגט אין ארץ ישראל. פון דער היים איז ער געווען פון מאקאווא.

דער רב שטאמט אויך פון מאקאווא (אמו של **רבינו** שליט"א היתה בת הגה"צ **רבי חיים יהודה דייטש זצ"ל** דיין במאקאווא ובעל מחבר ספר **אהבת חיים**).

**הר"ר אביש:** ווי אזוי איז די משפחה ארויסגעקומען פון מאקאווא? אויך דורך די שטאט וויען, מיט די טראנספארט?

**רבינו:** גאנץ מאקאווא איז אנגעקומען קיין עסטרייך, און פון עסטרייך קיין טרעזינשטאַט, און דארט איז מען באפרייט געווארן.

**הר"ר אביש:** דארט איז געווען א ברויט פאבריק.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** האט דארט געארבעט. אויף אזויפיל איז גוט געווען דארט, אז עס איז געווען א ברויט פאבריק, האט מען כאטש געהאט עפעס וואס צו עסן.

**א' מהמנחמים:** דאס איז נישט געווען אזוי שלעכט ווי די אנדערע?

**רבינו:** ניין, דאס איז געווען טוב שבנחשים (רצוץ את מוחו, רש"י בשלח יד-ז).

**הר"ר אביש:** ווי אזוי איז דאס געווען, אז די טראנספארט איז נישט געפארן קיין אושוויץ נאר קיין וויען? **רבי משה פארהאנד זצ"ל** (אב"ד מאקאווא, בעמח"ס **אוהל משה**) איז געווען אויף דעם באן?

**רבינו:** דער **מאקאווא'ער רב, רבי משה נתן לעמבערגער זצ"ל** (נכד הגה"צ **בעל אוהל משה** ממאקאווא זצ"ל) איז דארט געווען. **רבי משה פארהאנד זצ"ל** איז נפטר געווארן פאר די קריג, פיר וואכן פאר מען האט דעפארטירט. ער איז נפטר געווארן יענעם יאר נאך שבועות (י"ז סיון תש"ד), און ווען מען האט דעפארטירט די שטאט האט ער שוין נישט געלעבט, און וועגן דעם ליגט ער אין מאקאווא. מען זאגט נאך, אז ער האט געזאגט, אז פאר א מאקאווער יוד וועט גארנישט פאסירן, ער נעמט עס אויף זיך.

**א' מהמנחמים:** די קברים זענען גוט דארט?

**רבינו:** יא, אין אונגארן האט מען נישט געטשעפעט די בית החיים.

**רבינו:** דאס איז געווען א רעפינירטע זאך פון די רשעים, זיי האבן געוואוסט אז עס רודערט זיך אין די וועלט, אז מען מאכט געטאס, און מען טראגט אוועק יודען, האבן זיי געוואלט מאכן א 'סעמפל' לאגער, צו ווייזען פאר די וועלט, פאר די 'רויטע קרייץ', אז עס איז נישט אזוי געפערליך וואס מען זאגט אויף זיי, האבן זיי אויסגעקליבן פון די שטאט מאקאווא איין טראנספארט, און פון די שטאט דעברעצין איין טראנספארט, און זיי האט מען נישט געטראגן קיין אושוויץ נאר אויף עסטרייך, און דארט האבן זיי אויסגעשטעלט אז מען זאל קענען וואוינען די משפחה צוזאמען, נאר מען זאל א גאנצע טאג ארבעטן וכדומה. און עס האט אויסגעזען ווי א נארמאלע זאך, עס איז קריג'ס צייטן, און מען נעמט מענטשען פאר ארבעט, ווייל זיי דארפן האבן כוחות פון מענטשען, צו טון פאר זיי ארבעט. און ווען עס איז געקומען די רויטע קרייץ וכדומה, האבן זיי געוויזן, קוקטס אזוי קוקן אויס די לאגערן, ביז זיי האבן שוין געהאלטן ביי פארלירן די קריג, האבן זיי דאס שוין אויך נישט געדארפט ווייזען. און דעמאלטס האבן זיי די אלע דעפארטירט קיין טרעזינשטאַט. און דארט איז מען באפרייט געווארן. - די דעברעצינער טראנספארט וואס האט געדארפט פארן קיין אושוויץ, האט **רבי מיכאל בער ווייסמאנדעל זצ"ל** אפגעהאלטן מיט געלט. - עס איז געווען אויסגערעכנט פאר יעדעם איינעם, ווער עס דארף בלייבן און ווער נישט.

**א' מהמנחמים:** אז מען גייט ארום, איז מסתמא די שנאה נאך אזוי גרויס אזוי ווי אין פוילן.

**רבינו:** אזוי ווי עס איז געווען פאר די קריג, אזוי איז עס נאך די קריג, און אזוי וועט עס זיין ביז משיח וועט קומען.

**מיין טאטע ז"ל** האט געהאט א ברודער (**הגה"צ רבי משה לייב כ"ץ זצ"ל** רב הצעיר דקע"י סערדאהעלי), ער האט געמאכט דעם ספר **ויגד משה**. מען דרוקט יעצט די כתבי ידות וואס עס איז דא פון אים. איך האב פונקט היינט געזען א דרשה וואס ער האט געזאגט פאר די קריג (פרשת לך לך תרצ"ד), און ער רעדט פון די שנאה וואס עס איז דא אויף יודען. האט ער געזאגט אין די דרשה, אז דאס איז א זאך, וואס אלע חוקרים פלאגן זיך צו פארשטיין, פארוואס עס איז דא א שנאה אויף יודען. זיי זענען איבעראל די געטרייע בירגערס, און איבעראל האבן זיי אריין געבערענגט געלט פאר די רעגירונג, און זיי זענען געגאנגען אין מיליטער אזוי ווי אנדערע, אין וואס ליגט די שנאה פון אומות העולם צו יודען. שרייבט ער, אז א טייל האבן געוואלט זאגן, ווייל מיר זענען אפגעטיילט פון די אומות העולם. מיר זענען זיך נישט משדך מיט זיי, מיר האבן נישט קיין שייכות מיט זיי, מיר עסן נישט מיט זיי צוזאמען, און דאס ברענגט די שנאה. זאגט ער, אבער קוקט'ס אָן דייטשלאנד, ווי מען האט זיך שוין יא מחבר געווען מיט זיי, וויפיל טויזנטער האבן חתונה געהאט מיט זיי וכדומה, און דארט האט זיך אנגעהויבן נאכמער די שנאה ווי איבעראל. און מען זוכט נאך זיידעס פון דורי דורות פריער, צו מען איז א יוד צו נישט. האט עס א הסבר? ניין, עס האט נישט קיין הסבר.

**א' מהמנחמים:** ער איז געווען א איידעם ביי **פאפא'ער רב**?

**רבינו:** יא, ער איז געווען א איידעם ביים **ויגד יעקב**.

**רבינו:** האסט מקיים געווען כיבוד אם, אזוי ווי מען דארף. א גאנצע שפיטאל האב איך געזען ביי דיר, פאריגע מאל איך בין דא געווען.

**הר"ר אביש:** מיין מאמע פלעגט צו זאגן, אז אסאך מאל מאכט זיך און מען זאגט, איך קען שוין נישט אויסהאלטן. פלעגט זי זאגן, אז מען דארף מתפלל זיין, אז דער אייבערשטער זאל נישט פריווען וויפיל מען קען אויסהאלטן, ווייל א מענטש קען זייער אסאך אויסהאלטן.

**רבינו:** מען דערציילט נאך אויפן **קלויזענבורגער רב זצ"ל**, אז ער האט אמאל אריינגערופן א יוד, וואס ער האט געדארפט פון אים א טובה, אז ער זאל אים עפעס מסדר זיין. האט דער יוד געענטפערט אזוי ווי מען ענטפערט אין אמעריקא, איך וועל טון אלעס וואס איך קען, עס מסדר צו זיין. האט ער אים געזאגט, דו ווייסט וואס דו האסט יעצט געזאגט? אז דו וועסט טון אלעס וואס דו קענסט! זאגט ער

אים, ווען איך בין געווען א יונגערמאן, בין איך געווען א שוואכער, הויט מיט ביינער. אז איך האב געדארפט טראגן דריי גמרות, איז מיר אנגעקומען שווער, אז איך זאל עס קענען טראגן. אבער ווען עס איז געקומען ביי די רשעים, און איך האב געדארפט שלעפן אויף די רוקן זעק מיט צעמענט, ארויף און אראפ. האב איך געזען וויפיל כח איך האב, און וואס א מענטש קען אלס טון. און דו זאגטס דו ווערסט טון וואס די קענסט?! דו ווייסט גארנישט וואס דו קענסט אלץ טון. מען זאל נישט געפריווט ווערן, וואס מען קען אלץ טון.

---

## בסעודת הכנסת ספר תורה שהוכנסה לבית מדרשנו זכרון יהודא בבארא פארק על ידי הר"ר יקותיאל יהודא פריינד הי"ו

יום א' פרשת נשא תשע"ג לפ"ק

---

**מען** זיצט דא ביי א שמחת הכנסת ספר תורה, וואס דאס דארף זיין א שמחה פאר גאנץ כלל ישראל, אז עס איז צוגעקומען נאך א ספר תורה, וואס יודען גייען ליינען דערפון, וואס דאס איז א שמחה פאר זיך אליין. און עס איז א דאפלטע שמחה, ווער עס האט געשריבן די ספר תורה, דער אייבערשטער האט מזכה געווען ר' לייבי זאל זיין געזונט מיט אזא חשובע מצוה. און ביי אונז איז עס א שמחה משולשת, אז די ספר תורה איז אריינגעגעבן געווארן צו אונז אין בית המדרש.

**און** ווען מען שטייט פאר מתן תורה, איז דא אַן עקסטערע שייכות, און א לימוד, וואס א יוד דארף זיך אראפלערנען פונעם ספר תורה, א ענין וואס איז נוגע צו קבלת התורה. די מצוה פון כתיבת ספר תורה פאנגט זיך אן, ועתה כתבו לכם, מען זאל שרייבן צו ענק, את השירה הזאת וגו', למען תהיה לי השירה הזאת לעד בבני ישראל (דברים לא-יט), און די שירה וועט זיין א 'עד' פאר יודען.

**עס** קען זיין א כוונה. עס קומט אלץ אויס, אז מען ליינט די פרשה פון במדבר פאר מתן תורה. וואס איז די ענין אז עס איז אזוי אויסגערעכנט, אז עס זאל אויסקומען צו ליינען די פרשה פון במדבר פאר מתן תורה. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז במדבר איז די פרשה וואו מען האט געציילט יודען, און יעדער יוד איז געציילט געווארן. יעדע יוד איז א חלק פונעם כלל ישראל. עס איז נישט פשט, אז עס איז דא א פאלק, און ער איז אריינגעפאלן צווישן דעם פאלק, און ער איז נאָך א מספר, אריינגעקומען צווישן דעם כלל ישראל. ניין, עס איז דא א חשבון אויף יעדן יוד עקסטער. און יעדער יוד ווערט עקסטער געציילט, עס איז דא א חשבון אויף יעדן יוד, וואו ער דארף צו זיין, און וואו ער דארף צו באלאנגען, צו וועלכען שבט ער איז, אלעס איז אויסגערעכנט פון פריער. כדי א יוד זאל זיך פון דעם אראפ לערנען א מוסר השכל צו וויסן זיין חשיבות. ווען עס קומט צו קבלת התורה, צו נעמען אויף זיך עול התורה, קען זיך אמאל דאכטן, אז כלל ישראל האט מקבל געווען די תורה, און ער איז עפעס אריינגעפאלן אינמיטן פונעם כלל, און ער האט 'אויך' מקבל געווען די תורה, ער איז דאך געווען א חלק פונעם ציבור. ניין, ער איז נישט קיין חלק פונעם ציבור. יעדער מענטש פאר זיך, האט דער אייבערשטער גערעכנט עקסטער מיט א מספר, און עס האט געדארפט זיין פונקטליך די מספר פון ששים רבוא ישראל, כדי מען זאל קענען מקבל זיין די תורה.

**און** דאס איז די הכנה צו מתן תורה, צו וויסן דעם חשיבות, 'איך' גיי מקבל זיין די תורה, איך פאר מיר אליין. עס האט גארנישט צו טון, ווייל די גאנצע וועלט איז מקבל, טו איך זיך מיט שלעפן מיטן כלל ישראל. עס איז קבלת התורה פאר יעדן נפש פאר זיך.

**די** זעלבע איז די מצוה פון כתיבת ספר תורה, א ספר תורה האט אין זיך ששים רבוא אותיות. וואס אין הייליגע ספרים שטייט (חסד לאברהם מעין ב' נהר י"א), אז די ששים רבוא אותיות בתורה, זענען כנגד ששים רבוא נשמות. יעדער פון אונז

האט א אות אין די תורה הק', וואס פון דעם אות נעמט ער זיין חיות, און אַנדעם וואלט ער נישט געקענט לעבן. כי היא חייכם (דברים לב-מז), דאס איז ענקער לעבן, אלע מאורעות וואס א מענטש גייט אדורך אינעם לעבן, ווענט זיך ווי עס איז זיין אות אין די תורה, ווייל פון דארט נעמט ער זיין חיות. עשירים איז מן הסתם זייער חיות אין די אותיות פון כסף וזהב, תלמידי חכמים איז מן הסתם זייער חיות אין די אותיות וואס רעדן פון תורה, און אזוי קען זיך יעדער איינער טרעפן זיין אות אין די תורה.

**די** וועלט זאגט נאך אויפן **שינאווער רב זי"ע**, אז ער האט געזאגט, אז וועגן דעם פּאָרט ער אזויפיל ארום, ווייל זיין אות אין די תורה, איז אין די פרשה פון ויהי בנסוע (במדבר י-לה). און אז זיין אות איז אין ויהי בנסוע, מוז ער אייביג ארומפארן פון איין מקום צום אנדערן. יעדער יוד האט א אות אין די תורה, יעדער יוד איז א חלק פון די תורה הק', און אז עס פעלט איין אות אין די תורה הק', איז די ספר תורה פסול. און נישט נאר ווען עס פעלט א אות, נאר אפילו אויב די אות איז נישט געשריבן בשלימות, איז די ספר תורה פסול.

**און** די זעלבע איז, א יעדע יוד וואס האט מקבל געווען די תורה, די ששים רבוא נשמות, וואס זענען געווען ביים בארג סיני, מיר האבן אלע א שייכות צו קבלת התורה. און אז עס פעלט ביי איין יוד זיין קבלת התורה, ווערט די גאנצע ספר תורה פסול. און אז עס איז אויסגעקומען אז מען האט אריין געגעבן א ספר תורה, בעפאר מען טרעט אריין אין דעם יום טוב פון שבועות, דארף מען זיך פון דעם אראפלערנען די חשיבות פון א יעדן יוד. אז יעדער פון אונז, איז א אות אין די תורה הק', און יעדער דארף מקבל זיין די תורה.

**איך** האב געזען שטיין אין **ויגד משה** אויף פרקי אבות (פרק ג משנה יא), אז דוד המלך זאגט אין תהלים (מ-ח), הנה באתי במגילת ספר כתוב עלי. דוד המלך זאגט, הנה באתי במגילת ספר, איך קוק אן די מגילת ספר, וואס דער אייבערשטער האט געהייסן שרייבן א ספר תורה, דאס איז כתוב עלי, עס איז געשריבן אויף מיר, ווייל עס איז געשריבן ששים רבוא אותיות, וואס יעדער איינער פון אונז איז א חלק פון די ספר תורה. די חשיבות פון די 'מגילת ספר' איז, אז עס איז 'כתוב', עס איז געשריבן געווארן, 'עלי', אויף יעדן יוד.

**זאגט** די תורה הק', ועתה כתבו 'לכם' את השירה הזאת, ווען מען שרייבט א ספר תורה דארף מען וויסן, אז מען שרייבט עס פאר ענק. ענקערע נשמות זענען דא אין דעם ספר תורה, א יעדע יוד איז א חלק פון דעם ספר תורה, און א יעדע יוד קען זיך דערהייבן מיט זיין חשיבות וואס ער האט, איך בין א אות אין די תורה, און טאמער איך פעל פון די תורה הק', איז די ספר תורה פסול.

**און** דאס איז א צירונג פאר אונז, אז דער אייבערשטער האט גענומען אונזערע נשמות, און ער האט עס צוגעקלעבט צו די אותיות התורה. זאגט די תורה הק', איר זאלט שרייבן פאר ענק א ספר תורה, למען תהיה לי השירה הזאת ל'עד' בבני ישראל, 'עד' איז נישט נאר א לשון פון עדות, נאר מען געפינט ביי מתן תורה ולא שתו איש 'עדיו' עליו (שמות לג-ד), די כתרים וואס מען האט באקומען ווערט אנגערופן א 'עד', 'עד' איז א צירונג. 'למען תהיה לי השירה הזאת לעד', די שירה פון די תורה איז א 'עד', דאס איז א צירונג, פאר 'בני ישראל'. יעדער יוד איז א אות אין די תורה הק', און יעדער יוד דארף זיך אזוי פירן, ווי עס פאסט פאר א אות אין די תורה הק', טאמער פירט מען זיך נישט ערליך, איז דא א מחיקה אין זיין אות, זיין אות איז נישט בשלימות, און ער טוט פסול מאכן די ספר תורה. און דאס איז די חשיבות, אז דער אייבערשטער גיט די זכיה אז מען קען שרייבן א ספר תורה, און מען ווייזט אז מען האט א חלק אין די ספר תורה, און עס ווערט נשלם אלע אותיות פון די ספר תורה.

*

**די** וואך אין די פרשה איז דא די מצוה פון ברכת כהנים, אז די כהנים דארפן געבן א ברכה פאר

יודען, כה תברכו את בני ישראל אמור להם, יברכך ה' וישמרך (במדבר ו-כג). און רש"י זאגט אויף אמור להם, אז עס איז א לשון 'מלא', מיט א וא"ו, 'לא תברכם בחפזון ובבהלות', די זאלסט זיי נישט בענטשען מיט א איילעניש, 'אלא בכוונה ובלב שלם'.

**אמאל** קען זיין אז דער אייבערשטער בענטשט יודען ברכת כהנים, יברכך ה' בממון וישמרך מן המזיקין, אבער ער ווערט אזוי פארנומען מיט זיין ארבעט, און מיט זיינע געשעפטען, אז ער האט נישט קיין צייט צו דאווענען און צו לערנען. אלעס גייט אים מיט א בהילות, און מיט א חפזון. ער ענדיגט דאס דאווענען פרי, און ער קומט אהיים שפעט. עס איז טאקע דא די ברכה, אבער עס איז ליידער א ברכה וואס נעמט אוועק פונעם דאווענען, און פון קביעת עתים לתורה. און דאס איז נישט די ריכטיגע ברכה.

**כה** תברכו את בני ישראל, די זאלסט בענטשען יודען, אז אמור להם, 'אמור מלא', די דאווענען זאל זיין מלא, עס זאל קענען זיין פון אדון עולם ביז אדון עולם. 'שלא תברכם בבהילות ובחפזון'. די ריכטיגע ברכת כהנים איז, ווען א מענטש ווייסט אויסצונוצען די צייט, אזוי ווי א יוד דארף זיך צו פירן. **אינדערפרי דארף מען האבן א שיעור צו לערנען, און ווען מען גייט דאווענען, דאווענט מען ווי א יוד דארף צו דאווענען, פון אנפאנג ביז צום סוף. ער יאגט זיך נישט ביים דאווענען, ווייל דארט ליגט די ברכה וואס א מענטש האט. און ווען ער ענדיגט די ארבעט איז ער ווייטער קובע עתים לתורה,** דאס איז דער עיקר חשיבות פון די ברכות וואס די אייבערשטער האט געבעטן פון די כהנים, אז זיי זאלן בענטשען יודען.

**די** זכות פון תורה הק' איז זייער גרויס, כי היא חייך ואורך ימיך (דברים ל-כ), תורה דאס איז אונזער חיות, און אונזער אריכת ימים, אלע ברכות זענען תלוי אין תורה הק'. דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל חל זיין די אלע ברכות פון עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, די שטוב זאל זיין א בית מלא ברכת ה'. די עיקר ברכה איז ערליכע קינדער, צו קענען ערציען אינעם היינטיגן דור וואס מען לעבט, דורות נאמנים לה' ולתורתו, דאס איז די גרעסטע און די חשוב'סטע ברכה, וואס עלטערן קענען זיך וואונטשען. זאל דער אייבערשטער געבען, אז די שטוב זאל זיין אנגעפילט מיט ברכה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר אלע זאלן קענען מקבל זיין די תורה בשמחה ובטוב לבב, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

---

## דברי תורה שנאמרו בדרשת פרקי אבות פרשת במדבר תשע"ג לפ"ק ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת נשא תשע"ג לפ"ק

---

**די** גמרא (מנחות כט:) פארציילט, בשעה שעלה משה למרום, ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל, האט ער געזען ווי דער אייבערשטער איז קושר כתרים לאותיות. צו יעדן אות האט ער צוגעבינדן א קרוין. וואס איז דאס ענין פון קושר כתרים לאותיות.

**קען** זיין די פשט דערפון בדרך עבודה, א דרך מוסר פאר אונז, פארוואס דער אייבערשטער האט קושר געווען די כתרים אויף די אותיות. משה רבינו איז געקומען און געזאגט פאר יודען, אז דער אייבערשטער וויל אונז געבן די תורה, שטייט אין פסוק (שמות יט-ח), ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה. יעדער איינער האט זיך אנגערופן און געזאגט, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, ווען מיר טון. און זיי האבן מקדים געווען נעשה פאר נשמע, אפילו מיר ווייסען נאך נישט וואס מען גייט בעטן פון אונז, כל אשר דבר ה' נעשה. מיר זענען גרייט צו טון וואס דער אייבערשטער בעהט, און נאכדעם וועלן מיר הערן וואס דער באשעפער וויל, אבער קודם איז פון אונזער זייט דא א הסכמה, אז מיר זענען גרייט מקבל צו זיין די גאנצע תורה. ווען יודען האבן דאס געזאגט

שטייט אין די גמרא (שבת פח.) זענען אראפ געקומען ששים רבוא מלאכים, זעקס הונדערט טויזנט מלאכים, און זיי האבן קושר געווען פאר יעדן יוד, צוויי קרוינען אויפן קאפ, איינס אקעגן נעשה און איינס אקעגן נשמע.

**דער** הייליגער **אור החיים הק'** (פ' יתרו יט-ז) זאגט, ויענו כל העם יחדיו, עס איז נישט צופארשטיין, עס זענען געווען ביי מתן תורה ששים רבוא יודען, און יעדער האט דאך אן אנדערן אויסדרוק, ווי אזוי ער זאגט, און ווען ער זאגט. און דא האט יעדער אויף איינמאל געזאגט, כל אשר דבר ה' נעשה. די זעלבע אותיות, און די זעלבע ווערטער, ולא קדם אחד לחבירו, קיינער האט נישט מקדים געווען, און קיינער האט נישט פארשפעטיגט פונעם צווייטן. יחדיו, אלע צוזאמען האבן געזאגט, כל אשר דבר ה' נעשה. און דער הייליגער **אור החיים הק'**, ווען ער האט געשריבן די דברי תורה, האט ער זיך נישט געקענט בארוהיגן, ווי שיין כנסת ישראל האט אויסגעקוקט. און ער שרייבט, 'אשרי העולם שאומה זו בתוכה'. גליקליך איז די וועלט, אז עס איז דא אזא אומה ווי דער כלל ישראל אויף איר, וואס האבן אויף איינמאל געזאגט כל אשר דבר ה' נעשה. און דאס איז באמת א געטליכער כח. מען רעדט פון פשוטע יודען וואס האבן געארבעט בחומר ובלבנים, און זיי זענען געווען אָן א תורה, שקוע אין די מ"ט שערי טומאה. און פונדעסטוועגן האבן זיי געהאט דעם כח, צו זאגן כל אשר דבר ה' נעשה, אן קיין הגבלות. וואס דער אייבערשטער וועט זאגן, זענען מיר גרייט צו טון. דאס איז געווען א געטליכער כח, וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין יודען, אז זיי זאלן קענען צוקומען צו אזא מדריגה.

**עס** שטייט אין **קדושת לוי** (פרשת יתרו), אז נאכדעם וואס די יודען האבן געזאגט כל אשר דבר ה' נעשה, שטייט אין פסוק, וישב משה את דברי העם אל ה'. דער פשוטער פשט איז, אז משה רבינו האט איבערגעגעבן די ווערטער פונעם פאלק פארן אייבערשטען. זאגט דער הייליגער **קדושת לוי**, ווען משה רבינו האט דאס צוגעקוקט, ווי אזוי יעדער איינער זאגט צוזאמען כל אשר דבר ה' נעשה. האט ער געזאגט, אז דאס איז נישט קיין מענטשליכער כח, אז גאנץ כנסת ישראל זאל אזוי זאגן. דאס מוז זיין אז דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט א ליכטיגקייט, א אור, אז זיי האבן געקענט אזוי זאגן. וישב משה את דברי העם, די ווערטער וואס דאס פאלק האט געזאגט, כל אשר דבר ה' נעשה, האט עס משה רבינו צוריק געקערט, אל ה', צום אייבערשטען. דו ביסט דער, וואס האט זיי געגעבן דעם כח, אז זיי זאלן קענען זאגן כל אשר דבר ה' נעשה. עס איז נישט זייער'ס.

**מען** ווייסט דאך, אז די ששים רבוא אותיות וואס עס איז דא אין די תורה, דאס איז די ששים רבוא נשמות. עס איז דא אזויפיל יודען, וויפיל אותיות עס איז דא אין די תורה. און א יעדער יוד, איז א אות אין די תורה. ווען דער אייבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר יודען, האט ער געוואלט אז יעדער יוד זאל קענען זאגן נעשה ונשמע, און באקומען די קרוינען וואס נעשה ונשמע ברענגט. איז כביכול דער רבונו של עולם געזעסן אויבן אין הימל, און ער האט קושר געווען די כתרים אויף די אותיות, ווייל א יעדע אות איז דאך א יוד. און מיט דעם האט ער געגעבן דעם כח, אז יעדער יוד זאל קענען זאגן נעשה מיט נשמע, און ער זאל קענען זוכה זיין צו באקומען די כתרים.

**מען** האלט דאך פאר מתן תורה, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן דעם כח, אז יעדער יוד קען זאגן נעשה ונשמע. עס הייבט זיך אָן א פרישע קבלת התורה, און צו יעדע קבלה דארף זיין קודם די הכנה דערצו. און אונזער הכנה אין די טעג איז, צו זיין גרייט צו טון, כל אשר דבר ה', אלעס וואס דער אייבערשטער האט גערעדט. ווי אזוי מען וועט עס אויספירן, וועלן מיר זען שפעטער. אבער קודם דארף זיין די קבלה, אז מען איז מקבל די תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן האבן א פרייליכען לוסטיגען יום טוב, און מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה, מיט א פרישע התחדשות.

# שיחת הכנה לקבלת התורה לתלמידי ישיבתנו הק'

יום ב' פרשת נשא תשע"ג לפ"ק

**... די** חשיבות פון לימוד התורה, כי הם חיינו ואורך ימינו, דאס גאנצע לעבן פון א יוד איז תורה. **א יוד איז אראפגעקומען אויף די וועלט, נאר כדי מקיים צו זיין די מצות פונעם אייבערשטען, און צו זיצן און לערנען. דאס זענען די צוויי תפקידים מיט וואס א מענטש דארף לעבן.** ווען עס קומט אינטער א מצוה, זאל ער מקיים זיין די מצוה אזוי ווי דער אייבערשטער פארלאנגט. און די איבריגע צייט דארף מען אוועקגעבן פאר לימוד התורה.

**די** גמרא (שבת פח.) זאגט, אז בשעת די יודען האבן מקדים געווען נעשה פאר נשמע, זענען אראפגעקומען ששים רבוא מלאכים, און זיי האבן אנגעטון פאר א יעדן יוד צוויי כתרים, צוויי קרוינען. וואס זענען געווען די קרוינען? טייטשט רש"י, א ליכטיגקייט פון זיו השכינה, האט מען ארויפגעלייגט אויף א יעדן יוד, ווייל ער האט געזאגט נעשה פאר נשמע. בפשטות לערנט מען, אז די צוויי כתרים האט מען באקומען, איינס פאר נעשה און איינס פאר נשמע. די גמרא זאגט אבער נישט אזוי. נישט ווייל מען האט געזאגט נעשה און נשמע, האט מען באקומען צוויי כתרים. נאר ווייל מען האט 'מקדים' געווען נעשה פאר נשמע, וועגן דעם האט מען באקומען די צוויי כתרים.

**עס** שטייט פונעם **בריסקער רב**, אין די הקדמה פון **תשובות בית הלוי**, זייער א שיין ווארט. ער פרעגט, וואס איז דער ציל פון לימוד התורה? זאגט ער, לימוד התורה האט אין זיך צוויי צילן. איינס ווייל אזוי ווי מען דארף מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען, און אין די תורה שטייט די הלכות פון אלע מצות, מוז מען לערנען תורה, כדי צו וויסן ווי אזוי מקיים צו זיין די מצות התורה. מען דארף האלטן שבת. אז איך קען נישט די הלכות פון שבת, קען איך נישט האלטן שבת. מוז איך לערנען הלכות שבת, כדי איך זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון שבת. מען דארף גיין מיט ציצית. וואס איז ציצית, ווי אזוי דארף מען מאכן די ציצית, ווי אזוי דארף מען זיין נזהר אין ציצית. אז איך וועל לערנען הלכות ציצית, וועל איך וויסן ווי אזוי מען דארף נזהר זיין אין ציצית. קומט אויס, אז די לימוד התורה, איז א הכנה צו קענען מקיים זיין די מצות.

**נשים** זענען פטור פון תלמוד תורה, און פונדעסטוועגן דאך קענען זיי זאגן ברכת התורה. ווייל עס איז דא געוויסע מצות, וואס זיי זענען אויך מחויב. און נשים זענען אויך מחויב צו לערנען די תורה פון די מצות. א פרוי דארף קענען הלכות שבת, אזוי ווי א מאן דארף קענען. זי טאר אויך נישט מחלל שבת זיין, און זי דארף אויך וויסן, וואס מען מעג טון, און וואס מען טאר נישט טון. אבער ווען זי זיצט און לערנט אנדערע הלכות, איז זי נישט מקיים א מצוה פון לימוד התורה, ווייל זי איז נישט מְצֻוֶּה אין לימוד התורה, נאר כדי צו וויסן ווי אזוי מקיים צו זיין די מצות.

**נאכדעם** איז דא א צווייטער ציל אין לימוד התורה, לימוד התורה אליין. ער קען שוין אלע הלכות, ער ווייסט אלע מצות פונקטליך ווי אזוי מען דארף עס צו טון, און ער דארף שוין נישט לערנען כדי צו וויסן ווי אזוי מקיים צו זיין א מצוה. איז אבער דא א מצוה פון לימוד התורה אליין. זיצן און לערנען פון צופרי ביז בייננאכט, אויסנוצען די צייט און זיין דבוק אין תורת ה'. תורה דאס איז דער אייבערשטער אליין, חכמתו של הקב"ה, דאס איז די חכמה פונעם אייבערשטען, הוא וחכמתו אחד (עיין **ליקוטי אמרים תניא** פרק ב'). ווען א יוד איז דבוק אין תורה, דאס איז דביקות בה', איז ער דבוק אינעם אייבערשטען. און יעדע מינוט וואס א מענטש האט צייט, דארף ער עס אוועקגעבן פאר תורה.

**און** יודען האבן דאס משיג געווען, און זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע. נעשה, דאס איז עשיית התורה, עשיית המצות. כל אשר דבר ה', אלעס

וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, נעשה, וועט ער טון. מען וועט האלטן שבת, מען וועט אָנטון תפילין, מען וועט ארויפלייגן א מזוזה. נאכדעם האבן זיי געזאגט נשמע, דאס איז שמיעת התורה. לערנען תורה ווערט אנגערופן שמיעה, והיה אם שמוע תשמעו (רש"י דברים יא-יג), לערנען ווערט אנגערופן נשמע. נעשה, מיר וועלן טון די מצות, ונשמע, און מיר וועלן לערנען תורה.

**ווען** יודען וואלטען געזאגט קודם נשמע און נאכדעם נעשה, און זיי וואלטן נישט מקדים געווען נעשה פאר נשמע. וואלט איך געטייטשט, זיי האבן געזאגט נשמע, מיר וועלן לערנען תורה. ווייל נעשה, ווייל ער וויל וויסן ווי אזוי מקיים צו זיין די מצות. די נשמע איז א הכנה פארן נעשה. די יודען האבן אבער געזאגט נעשה, מיר וועלן קודם טון אלעס וואס מען דארף. און נאכדעם וואס מיר קענען שוין אלעס, און מיר ווייסן שוין וואס מען דארף צו טון. נשמע, וועלן מיר נאך אלץ זיצן און לערנען תורה. האבן יודען מיט דעם געוויזען, אז זיי נעמען אויף זיך צוויי זאכן. זיי נעמען אויף זיך קיום המצות, און זיי נעמען אויף זיך לימוד התורה. קומט זיך זיי דערפאר צוויי כתרים. איינס פאר נעשה, פאר די עשיית המצות, און איינס פאר נשמע, פאר לימוד התורה. ווען יודען וואלטן אבער געזאגט קודם נשמע און נאכדעם נעשה, וואלט מען געקענט זאגן, אז דער עיקר איז די נעשה, נאר כדי מען זאל וויסן וואס מען דארף צו טון, דארף מען דאך לערנען. נשמע, מיר וועלן לערנען תורה, ונעשה, כדי מיר זאלן דאס קענען מקיים זיין. קומט זיך נישט פארדעם צוויי כתרים, קומט זיך נאר איין כתר, ווייל ער האט דאך גענומען אויף זיך נאר די נעשה, און די נעשה איז נאר, כדי צו וויסן וואס מען דארף צו טון.

**כיון** שהקדימו ישראל נעשה קודם לנשמע. זיי האבן מקדים געווען קודם נעשה, מיר וועלן קודם לערנען און וויסן וואס מען דארף צו טון. און נאכדעם נשמע, וועלן מיר נאך אלץ לערנען, אפילו איך קען שוין אלע הלכות, און איך ווייס שוין וואס מען דארף צו טון, פונדעסטוועגן דאך וועלן מיר זיצן און לערנען. האבן זיי דאך געוויזען, אז נעשה איז איין ענין וואס זיי זענען מקבל, און נשמע איז נאך א זאך וואס זיי זענען מקבל, קומט זיך אויף דעם שני כתרים. א יוד דארף לערנען כדי צו קענען די הלכות פון די תורה, וויסן ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. אבער ער דארף לערנען הלכות קדשים אויך, אפילו עס איז נישט דא קיין בית המקדש. און עס נישט דא קיין טומאה וטהרה, פונדעסטוועגן דארף ער לערנען די הלכות, כאטש עס איז נישט נוגע פאר יעצט. ווייל לימוד התורה פאר זיך אליין איז א מצוה.

**און** דאס איז די חשיבות ווען עס קומט דער זמן פון קבלת התורה, און מען דארף מקבל זיין אויף זיך נאכאמאל נעשה ונשמע. נעשה, מיר וועלן לערנען וואס מען דארף צום נעשה. און אויסער דעם וואס מיר טוען די מצות פון די תורה, דארף זיין נשמע, שטענדיג זיין פארנומען מיט לערנען די הייליגע תורה.

*

**ווען** די יודען האבן געזאגט נעשה ונשמע, שטייט אין די גמרא (שבת פח.), איז געגאנגען דער אייבערשטער, און ער האט כופה געווען עליהם ההר כגיגית, און ער האט זיי געזאגט, אם אתם מקבלים התורה מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכם. מען האט זיי געצווינגען אויף מתן תורה. תוספות (שם ד"ה כפה) שטעלט זיך, פארוואס האט מען זיי געצווינגען אויף מתן תורה, זיי האבן דאך געזאגט נעשה ונשמע, זיי זענען דאך גרייט אויף אלעם. וואס פעלט אויס די כפיה. און תוספות ענטפערט, שמא יהיו חוזרים כשיראו האש הגדולה, ווען זיי וועלן זען אזא גרויס פייער ביי מתן תורה, וועלן זיי חוזר זיין, האט מען זיי געדארפט צווינגען אויף תורה.

**בפשטות** איז שווער צו פארשטיין די תוספות, פארוואס וועלן זיי חוזר זיין פון די אש הגדולה. אדרבה ווען זיי וועלן זען די געטליכקייט פונעם אייבערשטען, וועלן זיי נאך האבן מער א שמחה צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, פארוואס

ווערט דער גרויסער פייער ברענגען, אז זיי וועלן זיך צוריקהאלטען פון מקבל זיין די תורה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער יצר הרע ווערט אנגערופן 'אש', ער ברענט ווי א פייער, נורא ביה עמרם, שטייט אין די גמרא (קידושין פא.), רבי עמרם האט אמאל געהאט א נסיון, האט ער געשריגן עס ברענט ביי מיר א פייער, א פייער פון דעם יצר הרע. ווי אזוי לעשט מען אויס פייער? מיט וואסער. אין מים אלא תורה (ב"ק פב.). בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). אז מען זיצט און מען לערנט תורה, דאס טוט אפקילן דעם יצר הרע. אז מען לערנט אסאך תורה, לעשט עס אויס דעם יצר הרע, און אמאל טוט עס על כל פנים אפקילן דעם פייער אז דער יצר הרע זאל נישט זיין אזוי גרויס.

**ווען** יודען האבן מקבל געווען אויף זיך, אז זיי ווילן האלטן די תורה. האט דער אייבערשטער מורא געהאט, אז עס וועט קומען אמאל א צייט, וואס דער יצר הרע וועט זיך פארלייגען אויף זיי, און זיי וועלן שפירן אז זיי קענען נישט עומד זיין בנסיון, און זיי וועלן חרטה האבען אויפן קבלת התורה. האט דער אייבערשטער כופה געווען, אז מען דארף האלטן די תורה בכל אופן. יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע, אבער שמא מאש הגדולה, זיי וועלן זען די יצר הרע, אזא גרויס פייער, קומט און שלאגט זיך מיט זיי, און מען דארף שטענדיג מלחמה האלטן מיטן יצר הרע, אויף די תאות הגוף. אפשר וועלן זיי חוזר זיין, און חרטה האבען. ווי קענען מיר נעמען אזא שווערע תורה, וואס מען וועט שטענדיג זיך דארפן שלאגן מיטן יצר הרע. וועגן דעם האט דער אייבערשטער כופה געווען אויף זיי הר כגיגית, אז מען מוז מקבל זיין די תורה. אפילו עס איז דא א אש הגדולה, עס איז שווער צו האלטן די תורה, פונדעסטוועגן דאך דארף מען מקבל זיין אויף זיך עול התורה.

**וועט** מען דאך פרעגן פארוואס גיט דער אייבערשטער א אש הגדולה, און נאכדעם צווינגט ער אז מען דארף מקבל זיין די תורה. די תירוץ איז, הבא ליטהר מסייעין אותו, אז א יוד וויל זיך פירן ערליך, האט ער סייעתא דשמיא פונעם אייבערשטען. אז א יוד מיינט עס אמת'דיג, ער וויל זיין ערליך, און ער וויל זיך האלטן צו די דרכי התורה. עס אינטערעסירט אים נישט אלע עניני עולם הזה, ער לייגט אלעס אינדערזייט, ער וויל זיין דבוק נאר אין תורה הק'. פארלאזט נישט דער אייבערשטער. אז א טאטע זעהט אז זיין קינד האט געגועים נאך אים, ער בענקט זיך צום טאטען, און ער קומט צום טאטען. טוט אים דער טאטע מקרב זיין. דער רבונו של עולם איז אונזער טאטע, אז דער אייבערשטער זעט, אז א יוד וויל באמת זיין ערליך. העלפט אים דער אייבערשטער אז ער קען זיין ערליך, דער אייבערשטער האט געוויזען, אז אפילו מיט דעם אש הגדולה, זאלט איר נישט מורא האבען, נאר מקבל זיין די תורה.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז **מען מיינט אז עס איז שווער צו האלטען די תורה. אבער מען זאל וויסן, אז עס איז אסאך שווערער, ווען מען האלט נישט די תורה. מען מיינט אמאל אז די אלע וואס האבען איבערגעלאזט תורה, און ארויסגעגאנגען אויף די גאס, זענען גליקליכע מענטשען. ניין, זיי זענען פארווייטאגט, און זיי ווייסען נישט, ווי זיך אהערשטעלן. די גליקען פון די וועלט איז בא'טעמ'ט אין אנהייב, אבער תיכף נאכדעם, שפירט מען נישט קיין שום סיפוק אינעם לעבן. ער האט גארנישט פון זיין לעבן, ער שפירט אליידיג לעבן. שטענדיג איז ער ביי זיך צובראכן, פון וואס ער האט געטון.** ער האט נאר נישט קיין ברירה, ווייל עס איז אים זייער שווער, ער זאל זיך צוריק דרייען, און צוריק קומען.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר די יודען, אם אתם מקבלים התורה, אויב מען איז מקבל די תורה, מוטב, איז גוט, עס וועט דיר זיין גוט. ואם לאו, אויב איר זענט נישט מקבל די תורה, שם תהא קבורתכם, דארט וועט איר באגראבן ווערן. אז מען האט נישט אויף זיך קיין תורה, איז מען באגראבן, א לעבעדיגער טויטער. ער דרייט זיך טאקע ארום, אבער ער איז אָן א חיות, און ער האט נישט קיין לעבן.

**וועץ עס קומט דער יום טוב פון שבועות, דארף זיך יעדער איינער אראפ נעמען א פאר מינוט איבער יום טוב, און טראכטען, וואו שטיי איך אויף דעם עולם. מען האט געגעבן די תורה, און איך וויל זיין נאנט צו די תורה. און וואס קען איך טון, זיך צו פארבעסערן. סיי אין די מעשים, זיך פירן ערליך. און וואס קען איך מקבל זיין אויף מיר עול תורה. נעמען אויף זיך, איך וויל קענען וואס מען האט געלערנט, איך וויל איבערחזר'ן וואס מען האט געלערנט. איך וויל קענען א מסכת, איך וויל קענען א הלכה, איך וויל קענען שטייגן אין תורה. אין טאג פון קבלת התורה, איז דא א עקסטרע סייעתא דשמיא, אז מען זאל קענען נעמען אויף זיך עול תורה.**

**עס** שטייט פון **חידושי הרי"מ**, אז ער האט געזאגט, אז אמאל זאגט מען זמן מתן תורתינו, און אמאל זאגט מען קבלת התורה. ווען מען זאגט מתן תורתינו, רעדט מען פונעם אייבערשטען, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה די תורה. ווען מען זאגט קבלת התורה, רעדט מען פון זיך, מיר זענען די מקבלים. ווען א מענטש גיט א מתנה פאר יענעם, איז דא דער נותן המתנה און עס איז דא דער מקבל המתנה. און מיר זאגן, זמן מתן תורתינו, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה איינמאל, מיט א פאר טויזנט יאר צוריק, ביי דעם בארג סיני. און שבועות איז די זעלבע זמן, וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה. אבער קבלת התורה, דאס איז א יעדעס יאר, און א יעדן טאג. יעדע מינוט קען א מענטש מקבל זיין די תורה, וואס איז מונחת בקרן זוית. די תורה וואס ליגט אין א ווינקל, און א יעדער מענטש, ווען ער האט א התעוררות, קען ער מקבל זיין אויף זיך עול תורה. אונזער יום טוב איז זמן מתן תורתינו, און יעצט איז עס קבלת התורה, מקבל זיין אויף זיך עול תורה.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, אז מען זאל זיך קענען פירן ערליך, מען זאל קענען אויסנוצען די יום טוב מיט א אמת'דיגע שמחה. יעדן יום טוב, זאגט די גמרא (פסחים סח:), איז דא א ספק צו מען איז מחוייב מיט שמחה צו נישט, צו חציו לה' וחציו לכם. אבער הכל מודים בעצרת בעינן לכם, מאי טעמא יום שניתנה בו תורה. און די חכמים האבן מחייב געווען, אז יעדער דארף זיין בשמחה. און זיך פרייען אז ער האט זוכה געווען מקבל צו זיין די תורה, אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, מען זאל קענען ווייטער אויסנוצען די צייט, צו מען באקומט יא עפעס, צו מען באקומט נישט עפעס, שעות רצופות דארף מען אייביג לערנען. ווען מען האט צייט, אפילו נאר איין שעה אדער צוויי שעה, דארף מען אריינכאפן וואס מען קען לערנען, און נישט מפסיק זיין אינדערמיט. און דאס האט א געוואלדיגע חשיבות אויבן אין הימל. זאל דער אייבערשטער העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו קבלת התורה, מתוך שמחה וטוב לבב, און איר זאלט אלע האבן א פרייליכען און א לוסטיגען יום טוב.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת נשא תשע"ג לפ"ק
## ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת בהעלותך תשע"ג לפ"ק

**די** וואך אין די פרשה איז געווען דער ענין פון ברכת כהנים. עס שטייט אין מדרש (ב"ר מג-ח) מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים, פון וואו האבן יודען זוכה געווען צו ברכת כהנים. ממתן תורה, פון מתן תורה האבן זיי זוכה געווען צו ברכת כהנים. ביי מתן תורה האט דער אייבערשטער געזאגט, 'כה' תאמר לבית יעקב (שמות יט-ג), און ברכת כהנים הייבט זיך אָן, מיט 'כה' תברכו את בני ישראל (במדבר ו-כג). 'כה', מיט דעם וואס יודען האבן געזאגט ביי כה תאמר לבית יעקב, וואס זיי האבן מקבל געווען די תורה. מיט דעם איז 'תברכו את בני ישראל', פון דארט האבן זיי זוכה געווען צו ברכת כהנים. די מפרשים שטעלן

זיך, וואס איז דער צושטעל, אז מען האט זוכה געווען צו ברכת כהנים, דורך מתן תורה.

**די** גמרא (פסחים סח:) זאגט, אז דער יום טוב פון שבועות, וואס עס איז יום שניתנה בו תורה, איז יעדער מודה דבעינן לכם, מען דארף עוסק זיין אין עניני עולם הזה. מען דארף עסן, טרינקען, און זיך משמח זיין. יעדער יום טוב קען א מענטש מאכן לויט כמה דיעות כולו לה', ער קען אוועק געבן די גאנצע טאג פארן אייבערשטען. אבער שבועות, יום שניתנה בו תורה, פעלט אויס אז עס זאל זיין לכם. און עס דארף האבען א ביאור. ווייל אויב עס איז יום שניתנה בו תורה, דארף עס אוודאי זיין כולו לה', אז מען זאל זיצן און לערנען. פארוואס האט מען אויסגעשטעלט, אז מען מוז ווייזן עפעס א לכם, אין דעם יום שניתנה בו תורה.

**אין** תנא דבי אליהו (זוטא יט) שטייט, אז יעקב און עשו האבען זיך צוטיילט בנחלת שני עולמות. יעקב האט געמאכט א געשעפט מיט עשו, יעדער האט דאך א חלק, סיי אין עולם הבא, און סיי אין עולם הזה. איך געב דיר אוועק מיין חלק אין עולם הזה, און דו געב מיר אוועק דיין חלק אין עולם הבא. יעקב האט גענומען זיין נחלה אין עולם הבא, און עשו האט גענומען די נחלה אין עולם הזה. שטעלט זיך א קשיא, מען האט געמאכט א געשעפט, אז די גאנצע עולם הזה געהערט פאר עשו, איז ווי אזוי קען א יוד זוכה זיין צו עולם הזה. מען האט דאך געמאכט א געשעפט, אז דו געבסט אים אוועק דיין חלק אין עולם הזה, און דו באקומסט די חלק פון עשו אין עולם הבא. און צום סוף נעמסטו יא דיין חלק אין עולם הזה.

**עס** שטייט אין **בני יששכר** (סיון ב-יא) אז די הלכה איז (בבא מציעא כד.), אז טאמער א מענטש האט א חפץ, און עס גייט געשען צו דעם א שאדן, עס קומט א זוטו של ים, א וואסער האלט עסביים פארשווענען וכדומה, און ער קען עס נישט מציל זיין. און עס איז געגאנגען איינער, און ער האט עס מציל געווען. האט ער עס קונה געווען. ווייל א זאך וואס עס שטייט עס זאל גיין לאיבוד, פארלירט א מענטש די בעלות דערויף, און ווער עס איז זוכה אין דעם, געהערט עס פאר אים.

**די** גמרא (שבת פח.) זאגט, אז דער באשעפער האט זיך אויסגענומען א תנאי מיט די מעשה בראשית, אם תקבלו ישראל את התורה מוטב, ואם לאו, וועט דער אייבערשטער מחזיר זיין די וועלט לתוהו ובוהו. קומט דאך אויס, אז גאנץ עולם הזה האט נישט קיין תקומה, נאר אויב די יודען וועלן מקבל זיין די תורה. ווען עס איז געקומען שישי בסיון, אויב יודען וואלטן נישט מקבל געווען די תורה, וואלט די וועלט צוריקגעגאנגען צו תוהו ובוהו. עס איז טאקע אמת אז עשו האט עולם הזה. אבער דער עולם הזה וואלט זיך געענדיגט שישי בסיון. עס וואלט זיך נישט געהאלטן ווייטער. נאר ווייל יודען האבען מקבל געווען די תורה, וועגן דעם איז געבליבן די וועלט. האבן מיר זוכה געווען פון זוטו של ים, אויך דעם חלק פון עשו. און וועגן דעם קענען מיר האבען עולם הזה.

**כדי** צו ווייזען אז יודען קענען האבען עולם הזה, דורך דעם וואס מען האט מקבל געווען די תורה. איז וועגן דעם, אין יום טוב שבועות, ווייל עס איז א יום שניתנה בו תורה, דארף א מענטש עוסק זיין אין עניני עולם הזה. צו ווייזען, אז מען זאל נישט זאגן, אז די 'לכם' וואס יודען האבען, איז גזילה. מען האט צוגענומען דער חלק פון עשו. זאגן מיר ניין. עס איז היינט יום שניתנה בו תורה. און ווען מיר וואלטן היינט נישט מקבל געווען די תורה, וואלט בכלל נישט געווען קיין עולם הזה, ווייל דער אייבערשטער וואלט מחזיר געווען די וועלט צו תוהו ובוהו. און דורך די קבלת התורה, האבען מיר א חלק אין די נחלה פון עשו, אינעם עולם הזה.

**די** כהנים בענטשען יודען, יברכך ה', בממון, וישמרך, מן המזיקין (רש"י), דאס איז גשמיות'דיגע ברכות, וואס ליגט אין ברכת כהנים. און דער מדרש פרעגט, מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים, פון ווי האבען יודען זוכה געווען צו ברכת כהנים, מען האט דאך אוועקגעגעבן ממון פאר עשו, און

מיר האבען נאר נחלת עולם הבא. נאר וויבאלד ביי מתן תורה, איז געווען א תנאי אין מעשה בראשית, אז אויב די יודען זענען נישט מקבל די תורה, וועט דער אייבערשטער מחזיר זיין די וועלט לתוהו ובוהו. און די יודען האבען מקבל געווען די תורה, האבען זיי דעמאלטס זוכה געווען אין עניני עולם הזה. קומט אויס, אז דורך דעם וואס יודען האבען מקבל געווען די תורה, האבען זיי זוכה געווען צו ברכת כהנים, אז זיי קענען אויך געבענטש ווערן, און נהנה זיין פון עניני עולם הזה.